בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס נ"ה, פרשת תרומה תש"פ

# תוכן השיעור


בעל השדה

שלא יכחיש אחד את חברו

"רבי אהרן דער רב"

"מיין כשר'ער רב"

"כיושב בסתר לחלות פני מלך"

"ער האט געמאכט בעסער פון אלע" – מוהרנ"ת ז"ל

'בירור המדמה'

אז מ'וועט אדורכפירן א נפטר...

איך האב נאך עלף חדשים...

קלייבט זיך אויך אויס דעם גוטן חלק...

לא הסתכל חוץ מד' אמות

רפואות שבספר המדות

"איך וויל זיין א נרדף"

א קארפירער אתרוג אום חנוכה...

שינויי נוסחאות

"ברוך אשר נתן מנוחה"


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 55


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

**קונטרס זה יוצא לאור**

לעילוי נשמות

ר' **מאיר** ב"ר **שלמה דוד**

ז"ל

י' אדר תשכ"ו

מרת **גולדא** בת ר' **משה**

**הכהן** ע"ה

ו' אדר א' תש"ל

ת.נ.צ.ב.ה

# פרשת נח שנת תשל"ה

## - מתוך שיעור בבני ברק יצ"ו -

(טייפ מס' 56#)

## בעל השדה

(מתחלה שומעים קצת את ר' מרדכי יגלניק ז"ל מוסר שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ה באמצע אות ד', ואח"כ רלוי"צ מדבר מענין תו' ס"ה), **דער רבי זאגט דא אין די תורה, עס איז דא א 'בעל השדה',**[א] - **מ'רופט אים אן 'אגראדניק', דער אגראדניק!**[ב]

**זאגט דער רבי דא, אז דער וואס ער וויל זיך אונטערגארטלען, צו זיין א בעל השדה, דארף ער זיין אן 'איש אמוד', און א 'תקיף', און א 'גיבור חיל', און א 'חכם', און א 'צדיק גדול מאוד', ער דארף זיין א 'אדם גדול ומופלג במעלה מאוד'.**

**און ס'איז דא איינער וואס ער קען נישט גומר זיין דער ענין נאר 'עם מיתתו', "ואפילו לזה צריך להיות גדול מאוד, כי יש כמה וכמה גדולים, שאפילו עם מיתתם לא יועילו" - האט אויך נישט געהאלפן, "רק אם יש אדם גדול ומופלג במעלה מאוד מאוד, יכול לגמור מה שצריך בחיים חיותו".**

**פארן רבי'נס הסתלקות האט רבי נפתלי געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איר האט דאך געזאגט אין דער תורה אז דער וואס וויל** (הצדיק הגדול המופלג במעלה) **קען ער גומר זיין**

---

[א] וז"ל שם אות א': דַּע כִּי יֵשׁ שָׂדֶה, וְשָׁם גְּדֵלִים אִילָנוֹת וַעֲשָׂבִים יָפִים וְנָאִים מְאֹד, וְגֹדֶל יְקַר יְפִי הַשָּׂדֶה וְגִדּוּלָיו אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר, אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת. וְאִילָנוֹת וַעֲשָׂבִים הֵם בְּחִינַת נְשָׁמוֹת קְדוֹשׁוֹת הַגְּדֵלִים שָׁם ... וּמִי שֶׁרוֹצֶה לַחֲגֹר מָתְנָיו, לְהַכְנִיס עַצְמוֹ לִהְיוֹת הוּא הַבַּעַל הַשָּׂדֶה, **צָרִיךְ לִהְיוֹת אִישׁ אָמוּד וְתַקִּיף וְגִבּוֹר חַיִל וְחָכָם וְצַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד, כִּי צָרִיךְ לִהְיוֹת אָדָם גָּדוֹל וּמֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד.**

וְיֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִגְמֹר הָעִנְיָן כִּי אִם עִם מִיתָתוֹ, וַאֲפִלּוּ לָזֶה צָרִיךְ לִהְיוֹת גָּדוֹל מְאֹד, כִּי יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה גְּדוֹלִים, שֶׁאֲפִלּוּ עִם מִיתָתָם לֹא יוֹעִילוּ. **רַק אִם יֵשׁ אָדָם גָּדוֹל וּמֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד מְאֹד, יָכוֹל לִגְמֹר מַה שֶּׁצָּרִיךְ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ.**

[ב] ע"פ הלשון בסיפורי מעשיות - מעשה י"ג מהז' בעטלירס, יום השני.

בחיים חיותו אויך!?", (ענה רבינו:) "איך האב געמיינט נאר א בחינה דערפון! אבער בשלימות - מוז ער נסתלק ווערן!".[ג]

❖

**"כי הרבה יסורין ודברים קשים עוברים עליו, אך ע"י גדלותו ומעלתו עובר על כולם, ועושה פעולות השדה כמו שצריך".[ד]**

אה, אזעלכע נשמות - זיי דרייען זיך ארום אינדרויסן, זיי קענען נישט אריין אין שדה! פארוואס? זיי זענען אזוי מקולקל, אריינגעמען זיי אין דעם 'שדה' איז דאך א געוואלד, דער 'שדה עליון' 'חקל תפוחין' - ס'איז דאך א געוואלדיגע זאך, מוז מען זיי פריער פאררעכטן די נשמות!

זיי קענען גארנישט אריין דארט, זי דרייט זיך ארום אויבן, זי קען נישט אריין! (הנשמות הנ"ל).[ה]

אז ער איז זוכה פאררעכטן די נשמות און אריינברענגן זיי, דעמאלט - זאגט דער רבי - **"אזי טוב ויפה מאוד להתפלל"**, דעמאלט איז זייער גוט צו דאווענען, **"אזי התפילה על תיקונה"!**[ו]

❖

---

[ג] עי' ימי מוהרנ"ת אות נ"ט: אַחַר כָּךְ בַּלַּיִל הַשַּׁיָּךְ לְיוֹם שְׁלִישִׁי הוּא רְבִיעִי דְּסֻכּוֹת הוּא יוֹם הָאַחֲרוֹן שֶׁל יְמֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים וְאָז עַד אַחַר חֲצוֹת לַיְלָה עָמְדוּ לְפָנָיו חֲבֵרֵי רַבִּי נַפְתָּלִי וְרַבִּי שִׁמְעוֹן ... וְאָז בַּלַּיְלָה חָזַר וְדִבֵּר מֵעִנְיַן הַנְּשָׁמוֹת הַנַּ"ל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְתַקֵּן כָּאן הַרְבֵּה הַרְבֵּה נְשָׁמוֹת מְאֹד. וְאָמַר, כַּמָּה מִשְׁפָּטִים יֵשׁ כָּאן כַּמָּה קְדוֹשִׁים הָיוּ כָּאן וְכוּ'. עָנָה רַבִּי נַפְתָּלִי וְאָמַר לוֹ, הֲלֹא אֲמַרְתֶּם בְּהַתּוֹרָה וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל רוּת הַנַּ"ל שֶׁהַצַּדִּיק הַגָּדוֹל הַמֻּפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד יָכוֹל לִגְמֹר הָעִנְיָן בְּחַיָּיו עיי"ש. עָנָה הוּא ז"ל וְאָמַר, לֹא אָמַרְתִּי לָכֶם כִּי-אִם אֵיזֶה בְּחִינָה מִזֶּה, כִּי הֻכְרַח לֵילֵךְ וּלְהִסְתַּלֵּק בִּשְׁבִיל זֶה.

[ד] וז"ל שם: רַק אִם יֵשׁ אָדָם גָּדוֹל וּמֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד מְאֹד, יָכוֹל לִגְמֹר מַה שֶּׁצָּרִיךְ בַּחַיִּים חִיּוּתוֹ, כִּי הַרְבֵּה יִסּוּרִין וּדְבָרִים קָשִׁים עוֹבְרִין עָלָיו, אַךְ עַל יְדֵי גַּדְלוּתוֹ וּמַעֲלָתוֹ עוֹבֵר עַל כֻּלָּם, וְעוֹשֶׂה פְּעֻלּוֹת הַשָּׂדֶה כְּמוֹ שֶׁצָּרִיךְ.

[ה] ז"ל שם: וְיֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה נְשָׁמוֹת עֲרֻמּוֹת, שֶׁהֵם נָעִים וְנָדִים מִחוּץ לַשָּׂדֶה, וּמַמְתִּינִים וּמְצַפִּים עַל תִּקּוּן, שֶׁיּוּכְלוּ לָשׁוּב וְלִכְנֹס אֶל מְקוֹמָם. וְגַם אֲפִלּוּ נְשָׁמָה גְּדוֹלָה, שֶׁבָּהּ תְּלוּיִים כַּמָּה נְשָׁמוֹת, לִפְעָמִים כְּשֶׁהִיא יוֹצֵאת לַחוּץ, קָשֶׁה לָהּ לַחֲזֹר לְשָׁם. וְהֵם כֻּלָּם מְבַקְשִׁים וּמְצַפִּים עַל בַּעַל הַשָּׂדֶה, שֶׁיּוּכַל לְהִתְעַסֵּק בְּצָרְכֵי תִּקּוּנָם...

[ו] וז"ל שם: וּכְשֶׁזּוֹכֶה לְתַקֵּן הַנְּשָׁמוֹת וּלְהַכְנִיסָם, אֲזַי טוֹב וְיָפֶה מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל, כִּי אֲזַי הַתְּפִלָּה עַל תִּקּוּנָהּ.

און דער 'בעל השדה' - זאגט דער רבי - איז משגיח און איז זיך משתדל תמיד 'אנטרינקען די בוימער', 'ולגדלם', - דאס מיינט מען 'די נשמות'.

אנטרונקען זיי 'ולגדלם', 'ובשאר תיקוני השדה', און דערווייטערן די "אילנות זה מזה הרחקה הראוי", "כדי **שלא יכחיש אחד את חברו**", ווייל אמאל דארף מען ווייזן א 'מקורב גדול' א 'הרחקה גדולה', "כדי **שלא יכחיש את חברו!**".[ז]

❖

# שלא יכחיש אחד את חברו

'רבי נתן' האט זייער געוואלט וואוינען אין אומאן, אבער וויבאלד ר' נפתלי האט געוואוינט אין אומאן, האט שוין ר' נתן נישט געוואלט!

דער רבי זאגט אין די תורה אז אמאל דארף מען ווייזן צוויי ביימער - גרויסע ביימער - א 'הרחקה', ס'זאל זיין נישט אזוי נאנט איינער לעבן אנדערן, "שלא יכחיש אחד את חברו".

**אז ר' נפתלי האט געוואוינט אין אומאן, האט ר' נתן נישט געוואוינט אין אומאן!**

ר' נתן האט געזאגט אמאל - ער האט דאך געוואוינט צוזאמען מיט "ר' אהרן דער רב" אין ברסלב - "**נאר איך קען וואוינען מיט ר' אהרן דער רב צוזאמען!**".[ח]

**ווייזט אויס, אזעלכע צוויי תלמידים פונעם צדיק, דארפן נישט זיין צוזאמען!** (ר' נתן ור' נפתלי), "שלא יכחיש אחד את חברו", **זיי זענען צוויי גרויסע בוימער, איינער זאל נישט 'מכחיש' זיין - מאכן 'מאגער' דעם אנדערן!**

❖

---

[ז] וז"ל שם בהמשך: וְזֶה הַבַּעַל הַשָּׂדֶה, הוּא מַשְׁגִּיחַ וּמִשְׁתַּדֵּל תָּמִיד לְהַשְׁקוֹת הָאִילָנוֹת וּלְגַדְּלָם, וּבִשְׁאָר תִּקּוּנֵי הַשָּׂדֶה. וּלְהַרְחִיק הָאִילָנוֹת זֶה מִזֶּה הַרְחָקָה הָרָאוּי, שֶׁלֹּא יַכְחִישׁ אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ. כִּי לִפְעָמִים צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לִמְקֹרָב גָּדוֹל הַרְחָקָה גְּדוֹלָה, כְּדֵי שֶׁלֹּא יַכְחִישׁ אֶת חֲבֵרוֹ.

[ח] עי' ספר המדות - ערך מריבה אות מ"ט: קָשֶׁה לִשְׁנֵי גְּדוֹלִים שֶׁיָּדוּרוּ בְּעִיר אַחַת, עַד שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם אֱמֶת.

# "רבי אהרן דער רב"

"ר' אהרן דער רב" איז מקורב געווארן צום רבי'ן נאך פאר 'ארץ ישראל', נאך אין מעדוועדיווקע.

"ר' אהרן'ס דער רב" איז געוועזן א מקורב ביי "ר' אהר'עלע טיטיוב'ער", און דער "ר' אהרלע" ער איז געווען ר' הערש'ס א זוהן - ר' הערש דעם בעל שם הקדוש'ס א זוהן, און ר' אהרן איז געווען א מקורב צו "ר' אהר'עלען".

און ער האט געהאט א מומע אין מעדוועדיווקע, די מומע איז געווען א גביר'טע, ער איז געקומען אלעמאל צו די מומע'ן, די מומע פלעגט אים תומך זיין, די מומע האט זייער געהאלטן פונעם רבי'ן, זי איז געווען א 'חסידה' ביים רבי'ן.

אמאל ווען ר' אהרן האט גענדארפט קומען, האט דער רבי אריין געשיקט א שליח צו די מומע'ן: "אז אייער פלומעניק וועט קומען, זאלט איר אים ארייננשיקן צו מיר!".

ס'איז געווען ווינטער, ס'איז געווען - פרעסט אנגעקומען, ער איז דאך נישט געווען דעם רבי'נס קיין חסיד, ער איז א חסיד געווען ביי ר' אהר'עלען.

נו, ר' אהרן איז אנגעקומען, זאגט זי אים: "דער רבי האט געשיקט דיך רופן!", זאגט ער: "איך בין דאך נאר-וואס געקומען, שוין ארייננגיין?!", און ער גייט דארטן אנגעבונדן, ס'איז קאלט אין רוסלאנד, אפבינדן די שאל, אפבינדן זיך אזוי, ער איז נאר-וואס אריינגעקומען, האט דער רבי שוין ארייננגעשיקט נאכאמאל א שליח - אז ער זאל שוין ארייננקומען! ער איז נאכנישט געווען קיין חסיד, אבער ער איז אריינגעקומען.

אז ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, איז אזוי ווי ס'איז אים נאך געווען קאלט, אזוי ווי נאך אינמיטן וועג, ס'איז אים נאך געווען קאלט, נאכנישט אויסגעטוהן, האט זיך אנגערופן דער רבי: **"נו, איך וועל דיך דערווארעמען!"**.

שוין, און דער רבי האט אנגעהויבן מיט אים צו רעדן, און ר' אהרן איז געגאנגען מיטן רבי'ן, ס'איז עפעס אויסגעקומען אז ער איז געגאנגען מיטן רבי'ן צוזאמען אין מקוה, האט זיך אנגערופן דער רבי: **"האסט זיך שיין גע'טובל'ט - אז דו וועסט זיין מקורב צו מיר וועסטו זיך שענער טובל'ען!"**, אזוי האט אים דער רבי

געזאגט צו "ר' אהרן דער רב", ער איז דעמאלט נאכנישט געווען רב, ער איז דעמאלט נאכנישט געווען קיין מקורב.

בקיצור, ער איז געווארן דעם רבי'נס א חסיד, ער איז געווארן מקורב! ס'איז געווען נאך אסאך זאכן דארט.

האט "ר' אהר'עלע" עפעס נישט געוואלט לײדן, ער איז דאך געווען זײער א חשוב'ער יונגערמאן (- ר' אהרן), ער איז געווען א מקורב צו ר' אהר'עלע טיטיוב'ער.

נאכדעם שוין, בשעת דער רבי איז געווען אין לעמבערג, האט דער רבי געזאגט - עס שטײט אין חיי מוהר"ן[ט] - אז "ר' אהר'עלע טיטיוב'ער איז געקומען צו מיר און האט מיר געזאגט אז דער מלך האט אויף דיר גוזר געווען אז דו זאלסט זיך איבערדרײען אויף די אנדערע זײט!".

ס'איז געווען נאך די הסתלקות, ער איז געווען זײער א גדול, ער איז געווען זײער גרויס, ער איז נסתלק געווארן אסאך פארן רבי'ן, ווען דער רבי האט געוואוינט נאך אין מעדוועדיווקע איז ער שוין דארטן נסתלק געווען.

בשעת דער רבי האט דערצײלט אז "ר' אהר'עלע איז געקומען צו מיר, און ער האט מיר געזאגט אז דער מלך האט אויף דיר גוזר געווען אז דו זאלסט זיך איבערדרײען" - (אז אמר רבינו ז"ל:) "איצטער זענען מיר גוטע פרײנד!", עס שטײט דאך אין חיי מוהר"ן.

❖

---

[ט] עי' חיי מוהר"ן אות קס"ח: כְּשֶׁהָיָה בְּלֶמְבֶּרְג וְשָׁם הָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה כִּי עָסַק שָׁם בִּרְפוּאוֹת, וְהָיָה זְמַן רַב שֶׁהָיָה שׁוֹכֵב עַל צַד אֶחָד וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִשְׁכַּב עַל צִדּוֹ הַשֵּׁנִי. אַחַר־כָּךְ עָשָׂה הַשֵּׁי"ת עִמּוֹ נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים וְהִתְחִיל לָשׁוּב לְאֵיתָנוֹ קְצָת, וּפִתְאוֹם בַּלַּיְלָה הִתְהַפֵּךְ עַל צִדּוֹ הַשֵּׁנִי וְשָׁכַב עָלָיו, וְאָמַר שֶׁהָרְפוּאָה שֶׁלּוֹ אֵינוֹ עַל־יְדֵי הַדָּאקְטֶיר רַק שֶׁבַּלַּיְלָה בָּא אֶחָד וְאָמַר לוֹ שֶׁהַמַּלְכוּת גָּזַר עָלֶיךָ לִשְׁכַּב עַל צַד יָמִין, וְשָׁכַב כְּדַרְכּוֹ עַל צַד יָמִין [אֲשֶׁר זְמַן רַב לֹא הָיָה יָכוֹל לִשְׁכַּב עַל אוֹתוֹ הַצַּד], וְאוֹתוֹ הָאֶחָד שֶׁבָּא אֵלָיו בַּלַּיְלָה הוּא הָיָה הָרַב הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי אַהֲרֹן ז"ל מִטִּיטַיֶּב נֶכֶד הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל, וְאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁעַכְשָׁו הָרַב הַנַּ"ל הוּא אוֹהֵב נֶאֱמָן אֵלָיו בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה מְאֹד. ועי' שם אות תקנ"ג: ...וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר מַה שֶּׁהִפְלִיג בְּמַעֲלַת קְדֻשַּׁת הַצַּדִּיקִים שֶׁהֵם נֶכְדֵי הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זַ"ל, כְּגוֹן הרה"ק ר' אַהֲרֹן מִטִּיטַיֶּאב ז"ל...

# "מיין כשר'ער רב"

נאכדעם אז דער רבי איז ארויס קיין ארץ ישראל, און דער רבי האט דאך געוואוינט צוויי יאר אין זלאטיפאלע, און דער רבי איז ארויס קיין ברסלב, האט דער רבי גערעדט מיט די גבירים פון ברסלב אז "**ער קען נישט אריין קיין ברסלב סיידן אז ער מוז האבן 'זיין רב'!**", ר' אהרן - ער זאל זיין דארט רב!

דער רבי האט געזאגט אז "**ער האט זיך באנוצט מיט זכות אבות ער זאל ארויסנעמען ר' אהרן'ען אויף רב קיין ברסלב!**"[י]

דעמאלטס האט מען גערעדט עפעס א רב, אז איינער א רב פון רבי ברוך'ס חסידים,[יא] ער זאל זיין רב אין ברסלב, האט מען געזאגט צום רבי'ן: "רבי, מען רעדט דאך דארטן אייער פעטער'ס א חסיד?!", האט זיך אנגערופן דער רבי: "**דאס איז מיין פעטער'ס כשר'ער רב - איך וויל מיין כשר'ן רב!**".

הכלל, ס'האט נישט געהאלפן, דער רבי איז צוזאמען ארויס מיט ר' אהרן'ען קיין ברסלב!

(ר' מרדכי יגלניק ז"ל: דער רבי האט אים דאך גענומען פאר עדות אויפן תיקון הכללי).[יב]

און דער ר' אהרן איז געווען זייער גרויס, האט ר' נתן געזאגט: "נאר איך קען וואוינען מיט אים אין איין שטאט!".

❖

[י] בסוף צוואת הרב מטשעהרין - סדר יחוס משפחתו: **וַאֲבִי אָבִי זַ"ל הוּא הָרַב רַבִּי אַהֲרֹן זַ"ל נִתְמַנָּה לְרַאֲבַ"ד בִּבְרַסְלֶב** בִּרְצוֹן וּבִפְקֻדַּת רַבֵּנוּ זַ"ל אוֹר הָאוֹרוֹת וְכוּ' הוּא רַבֵּנוּ הָר' נַחְמָן זצוק"ל מִבְּרַסְלֶב, בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַקָּדוֹשׁ וּשְׁאָר סְפָרִים קְדוֹשִׁים הַרְבֵּה כַּמְפֻרְסָם. **וְרַבֵּנוּ זַצַ"ל הָיָה לוֹ הִשְׁתַּדְּלוּת גָּדוֹל בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל הִתְמַנּוּת הָרַבָּנוּת שֶׁל אֲבִי אָבִי זַ"ל בִּבְרַסְלֶב.** וְיֵשׁ בְּעִנְיָן זֶה כַּמָּה סִפּוּרִים נִפְלָאִים הַרְבֵּה וְאֵין כָּאן מְקוֹמוֹ.

[יא] רצ"ל, אחד מחסידי הרבי ר' ברוכ'ל ממעז'בוז' זצ"ל, דוד רביז"ל, שהוא אשר פעל והשתדל אז עבור דירתו של רביז"ל בעיר ברסלב.

[יב] עי' שיחות הר"ן אות קמ"א: אַחַר כָּךְ סָמוּךְ לְאוֹתָהּ הָעֵת בְּעֵת שֶׁהָיִיתִי אֲנִי בְּבֵיתִי בְּנֶעמְרוֹב, **אָז גִּלָּה הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים לִפְנֵי הָרַב דְּפֹה בְּרֶסְלַב**, וְלִפְנֵי חֲבֵרִי רַבִּי נַפְתָּלִי מִנֶּעמְרוֹב, וְיִחֵד אוֹתָם לְעֵדוּת עַל זֶה... ועי' חיי מוהר"ן אות רכ"ג.

# "כיושב בסתר לחלות פני מלך"

רבי נתן איז געקומען צום רבי'ן ביים אנהויב התקרבות, האט דער רבי געשיקט עפעס א שליחות רבי נתן'ען צו ר' אהרן דעם רב, ער איז אריינגעקומען מיט די שליחות וואס דער רבי האט אים געשיקט, אז ער איז אריינגעקומען (צוריק צום רבי'ן) פרעגט אים דער רבי: "**וואס טוט דארטן מיין אהר'עלע?**", (ענה ר' נתן:) "**איך האב אים געטראפן זיצן מיט פארוויינטע אויגן!**".

ער איז געווען א גאון עולם, א שר התורה, דער ר' אהרן. ס'איז געגאנגען 'דורות' גאונים, "ר' הירש לייב דער רב" (בנו של ר' אהרן), "ר' אהרן דער רב", דער "טשעהרינער רב" (בנו של ר' הירש לייב), **גאונים גאונים!**

"איך האב אים געטראפן זיצן מיט פארוויינטע אויגן", א רב א גאון - אינמיטן טאג **זיצט ער מיט פארוויינטע אויגן!**

**האט זיך אנגערופן דער רבי: "אויף אים איז געזאגט געווארן 'כיושב בסתר לחלות פני מלך מראה כהן'!".**

דער כהן גדול איז ארויסגעגאנגען פון קדשי קדשים, זאגט ער דארטן[יג] וויאזוי ער האט געשיינט, 'כברקים', 'כגודל גדילים', ווי 'בלאסקעס', 'שטערן', זאגט מען דארטן אויך 'כיושב בסתר לחלות פני מלך' - ווי איינער זעצט זיך אוועק אין א ווינקעלע בעטן דעם אויבערשטן - אזא פנים האט געהאט דער כהן גדול ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון קדשי קדשים, 'כיושב לחלות פני מלך', דאס האט דער רבי **געזאגט דעמאלט!**

(ר' מרדכי יגלניק ז"ל: אין ליקוטי הלכות ברענגט ער דאס).[יד]

---

[יג] בפיוט שאומרים במוסף יום כפור אחר סדר העבודה, "כאהל הנמתח" וכו'.

[יד] עי' השתפכות הנפש בהקדמה: וּפַעַם אַחַת אָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לְהַכִּיר בְּאֶחָד אִם יֵשׁ לוֹ הִתְבּוֹדְדוּת הַיְנוּ כִּי עַל-יְדֵי-זֶה נִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו בּוּשָׁה וְיִרְאָה גְּדוֹלָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְלֹא לְחִנָּם מְתָאֵר הַפַּיְטָן אֶת מַרְאֵה הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל בְּצֵאתוֹ מִבֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים כְּיוֹשֵׁב בַּסֵּתֶר לְחַלּוֹת פְּנֵי מֶלֶךְ מַרְאֵה כֹהֵן, וּמִכָּל זֶה תָּבִין לְנַפְשְׁךָ מַעֲלַת הַמִּתְבּוֹדֵד וְהַיּוֹשֵׁב בַּסֵּתֶר לִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ וְנַפְשׁוֹ כַּמַּיִם נֹכַח פְּנֵי הַשֵּׁם.

דער רבי האט אים געשיקט טאקע צוליב דעם, ער זאל טרעפן זיצן א איד א גאון, א רב, אינמיטן טאג זיצט ער מיט פארוויינטע אויגן! ווי זיצט א רב א גאון מיט פארוויינטע אויגן?!

דער רבי האט אים טאקע געשיקט, ס'איז געווען אנהויב התקרבות פון ר' נתן'ען, ער אויך געווען א איד א גאון, זאל ער זעהן אז מען קען זיין א רב און א גאון און אינמיטן טאג זיצן מיט פארוויינטע אויגן! אה.

❖

## "ער האט געמאכט בעסער פון אלע" - מוהרנ"ת ז"ל

ר' אהרן דער רב האט געזאגט אויף רבי נתן'ען: "**ער איז געקומען שפעטער פון אלע, און ער האט געמאכט בעסער פון אלע!**".[טו]

רבי נתן איז מקורב געווארן תקס"ב אלול, און ר' אהרן דער רב איז מקורב געווארן נאך פאר ארץ ישראל, צו תקנ"ג - תקנ"ד. תקנ"ח איז דער רבי געפארן אין ארץ ישראל.

האט ער געזאגט "ער איז געקומען שפעטער פון אלע, און ער האט געמאכט בעסער פון אלע".

ס'איז דאך אזוי געווען, "ר' אהרן דער רב" איז נישט געפארן אויף ראש השנה (לאומאן), און "ר' הערש לייב דער רב" איז אויך נישט געפארן אויף ראש השנה, און דער "טשערינער רב" און "ר' חיים דער רב" - א ברודער פון דער טשערינער רב, זיי זענען שוין געפארן!

און רבי נתן האט געוואוסט פונעם רבי'ן אז נאכן רבי'נס הסתלקות דארף מען פארן אויף ראש השנה! פארוואס? ווייל ר' נתן איז דעם לעצטן ראש השנה געווען ביים רבי'ן, דער עיקר וואס ס'איז נתייסד געווארן דער ראש השנה אויף אייביג - איז אלץ געווארן דעם לעצטן ראש השנה![טז]

---

[טו] עי' פרפראות לחכמה תו' ס"א אות י"ח ענין גדולת מוהרנ"ת ז"ל על פני שאר הזקנים המקורבים מכבר לרביז"ל.

[טז] עי' היטב חיי מוהר"ן אות ר"כ, ואות ת"ו. ועי' פרפראות לחכמה תו' ד' אות כ"ג, תו' י"ג אות י"ג, ותו' ס"א אות י"ד, ואות ט"ו וז"ל: וכבר מבואר בספר חיי מוהר"ן איך בערב ר"ה האחרון באומין סמוך להסתלקותו ז"ל

אז "ר' אהרן דער רב" איז נישט געווען דעם לעצטן ראש השנה - ער איז דאך אוועקגעפארן קריק[יז] - האט ער דאך נישט געהערט די אלע רמזים פונעם רבי'ן, איז ער נישט געפארן!

נו, מען איז אין איין שטאט, און ר' אהרן דער רב איז פון די ערשטע תלמידים, און ער פארט נישט אויף ראש השנה קיין אומאן - נאכן רבי'נס הסתלקות, און רבי נתן ווייסט פונעם רבי'ן אז מען דארף יא פארן! א געוואלד, ס'איז נישט קיין קלייניקייט, דער עלטסטער תלמיד - און ער פארט נישט, און דער אינגסטער תלמיד זאגט אז דער רבי האט יא געהייסן פארן! דאס איז נישט קיין קלייניקייט דאס![יח]

---

סיפר הרבה בענין גודל החיוב ליסע אליו ז"ל על ראש השנה, ואמר שאין דבר גדול מזה, והזהיר הרבה בזה; ואחר כך כשנסתלק בסמוך תיכף בחג הסוכות שאחר ראש השנה הזה, **אז ידעו והבינו כולם למפרע שכל ענין הסיפור והאזהרות הנ"ל, היו גם על אחר הסתלקותו ז"ל, להתאסף גם אז יחד כל הקיבוץ של אנ"ש על ראש השנה,** ושעל ידי זה נעשין תיקונים נפלאים מאוד מה שאין לשער כלל, ולא ביאר הענין בפירוש מטעמים הכמוסים אליו, בשגם כי ידוע כי כך היה דרכו בקודש גם בשאר ענינים רבים מעניניו הקדושים ז"ל וכמבואר במקום אחר. ועי' גם שם תו' ה' תניינא אות כ"ג, ושם תו' ח' אות ט"ו, ותו' מ'.

[יז] עי' חיי מוהר"ן שם.

[יח] עי' פרפראות לחכמה (להרב מטשעהרין ז"ל) תו' ו' אות ט"ו-ט"ז: **ושמעתי מאבי ז"ל ששמע מזקני תלמידיו הקדושים של רבינו ז"ל,** שהבינו אז מרמיזותיו הקדושים של רבינו ז"ל **שבמאמר זה נתן סמיכה לתלמידו הקדוש הר"ר נתן ז"ל** ... ובענין מה שנראה בחוש כי כמעט כל השארת רשימתו הקדושה של רבינו ז"ל הוא רק על ידי הר"ר נתן ז"ל, ויש בכל הנ"ל דברים נפלאים הרבה, ואי אפשר לבאר בכתב ואפילו בעל פה, ואף על פי כן רשמתי ברמיזה קצת למען ידעו דור אחרון וכו'.

ובתו' ס"א אות י"ז: ולפי עניות דעתי רימז גם בזה סמיכה להר"ר נתן ז"ל, כאשר כבר רמזנו למעלה קצת בענין מה שביארנו קצת על המאמר קרא את יהושע סי' ו' ושגם במאמר כי מרחמם ינהגם בלק"ת סי' ז' שנאמר בשנת תק"ע שהיא שנה האחרונה של ימי חייו ז"ל, וגם שם מובא בסוף המאמר פסוק זה (שם) ויהושע בן נון מלא רוח חכמה וכו', ואז הבינו גם קצת מאנ"ש שכוונתו ז"ל להסמיך בזה את הר"ר נתן ז"ל.

ושם אות י"ח: נמצא מבואר שרימז רבינו ז"ל בזה המאמר גם כן בחינת סמיכה להר"ר נתן ז"ל, כאשר באמת היה מנהיג ישראל אמיתי וזיכה את הרבים מאוד אחר פטירתו של רבינו ז"ל, **וכמעט שעיקר ההשארה של רבינו ז"ל הוא רק על ידו** וכמבואר במקום אחר, ואף על פי כן לא ביאר רבינו ז"ל ענין זה מפורש מטעמים הכמוסים אליו ז"ל וכנ"ל נמצא מבואר **שאחר פטירתו של רבינו ז"ל עדיין נשאר איזה בחינת מנהיג הכולל לאנ"ש היינו הר"ר נתן ז"ל,** רק שממילא מובן שהזקנים המקורבים לרבינו ז"ל מכבר קודם התקרבותו של הר"ר נתן ז"ל בוודאי היה קשה להם לקבל עליהם את הר"ר נתן ז"ל למנהיג, ועל דרך שאמרו רז"ל גם לענין משה ויהושע ממש זקנים שבדור אמרו פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה וכו', בפרט כי רבינו ז"ל לא ביאר בפירוש, וגם להר"ר נתן ז"ל היה קשה לקבל השררה והמנהיגות ולהשתרר קצת על זקני מקורבי רבינו ז"ל, אך על כל פנים לבני הנעורים הרוצים להתקרב אל השם יתברך, אליהם בוודאי היה הר"ר נתן ז"ל לרועה נאמן ומנהיג אמתי. (ועי' כעי"ז שם בתו' ס"ג אות ז' ענין "משם רועה אבן ישראל - ס"ת נמלה", ובתו' ה' תניינא אות י"ח ענין "שבעה משיבי טעם").

ווייל ער איז נישט געווען דעם לעצטן ראש השנה, האט ער נישט געזעהן די אלע רמזים וואס דער רבי האט גערעדט פון ראש השנה!

❖

הכלל, מען רעדט דערפון אז איין בוים זאל נישט מאכן 'להכחיש את חברו',[יט] דערפאר האט רבי נתן נישט געקענט וואוינען אין אומאן, ווייל רבי נפתלי האט דארטן געוואוינט.

אין ברסלב האט ער יא געוואוינט, האט ער געזאגט, "נאר איך קען וואוינען מיט ר' אהרן דער רב צוזאמען אין איין שטאט!".

❖

# 'בירור המדמה'

אז ס'האט זיך געמאכט א שאלה ביי ר' נתן'ען אין שטוב, האט ר' נתן פריער געהייסן זיך ווייזן די שאלה, נאכדעם האט ער געשיקט צו ר' אהרן דער רב!

דער רבי האט געזאגט, אז **"ער האט אים געגעבן א 'בירור המדמה' אויף צו פסק'ענען שאלות"** - ר' אהרן'ען דער רב!

ער ברענגט דארטן ר' אברהם, דארטן אין תורה נ"ד,[כ] אז ס'איז מקובל אז דער רבי האט אים געגעבן א 'בירור המדמה' אויף צו פסק'ענען שאלות (עיי"ש "שהמשיך לאנשיו

---

ובתו' ז' תניינא אות כ"ו: **אמר המחבר שמעתי מאבי ז"ל ששמע מגדולי המקורבים של רבינו ז"ל, שהבינו** מרמיזותיו הקדושים של רבינו ז"ל, **שבזה המאמר הקדוש סמך ידיו על הר"ר נתן ז"ל שהוא יהיה המוציא והמביא בכל עניניו הקדושים של רבינו ז"ל** לאחר פטירתו, כמו שראינו בעינינו שכן היה, **שכל עיקר קיום השארתו הקדושה של רבינו ז"ל לנצח היה רובו ככולו כמעט רק על ידי הר"ר נתן ז"ל** כידוע. (ועי' שם אות כ"ח, ושם אות ל' מה שלא ביאר רביז"ל בפירוש על מוהרנ"ת).

[יט] כנ"ל מתו' ס"ה אות א'.

[כ] שם אות ד': **ששמעתי מאבי ששמע ממוהרנ"ת ז"ל, שבהמאמר והשגה הזאת, פקד וצוה עליו אדמו"ר ז"ל מאז והלאה לחדש בתורתו**, ושעל זה סבב בכלל הענין, אין אדם דן וכו', לדמות מילתא למילתא מעצמו, אלא אם כן קיבלה מרבו וכו'. ואמר אז [מה שמובא בחיי מוהר"ן, בהשיחה עבודת ה' אות [ע"ח] (פ"ד)], **שהמשיך לאנשיו כח המדמה ברור וזך**, ועיקר דבריו היו על מוהרנ"ת ז"ל בעצמו, **שהוא שקיבל אז מאתו בירור המדמה, לחדש ולדמות מילתא למילתא**, ובלי טעות והיפך ח"ו... (והוא בחיי מוהר"ן אות תקכ"א, עיי"ש).

כח המדמה ברור" וכו'), **האט ר' נתן - די שאלה האט ער געהייסן פריער אנקוקן - ער האט אליין אנגעקוקט די שאלה, נאכדעם האט ער געהייסן גיין צו "ר' אהרן דער רב"!**

**אז דער רבי האט אים געגעבן א 'בירור המדמה' - האט ער געהייסן אז מען זאל גיין צו ר' אהרן דער רב, ווייל דער רבי האט אים געגעבן א בירור המדמה!**

❖

# אז מ'וועט אדורכפירן א נפטר...

איך בין געווען אין ברסלב דארטן עטליכע מאל, ליגט דארט "ר' אהרן דער רב" און "ר' הערש לייב" דער זון, זיי ליגןביידע צוזאמען, ס'איז געווען דארטן פיר עמודים מיט א דעכעלע.

"ר' אהרן דער רב" האט געקויפט א פלאץ פאר זיך און פאר ר' נתן'ען, זיי זאלן ליגן ביידע צוזאמען 'אינמיטן פעלד'.

אבער "ר' נתן לייבעלע ראובן'ס" - דער וואס ער ליגט אין טבריה - ער האט געהערט פון ר' נתן'ען אז ר' נתן האט אזוי געזאגט: **"אז מען וועט דורכפירן א נפטר דורך אים, וועט אים זיין א טובה** (לנפטר)**!"**, אזוי האט ר' נתן געזאגט.

האט ער (ר' נתן לייבעלע ראובן'ס) אזוי געזאגט: "אז רבי נתן וועט ליגן אינמיטן פעלד, וועט מען דאך נישט דורכפירן יעדן נפטר! אבער אז רבי נתן וועט ליגן פארנט פאר'ן פעלד, אז מען קומט - ליגט באלד רבי נתן, וועט מען דאך יעדן נפטר מוזן דורכפירן דורך ר' נתן!".

און ער האט געוואוסט אז "ר' אהרן דער רב" האט אנגעגרייט א פלאץ פאר זיך און פאר רבי נתן'ען, און אז רבי נתן איז נפטר געווארן פרייטאג פארנאכט, און די קבורה איז געווען מוצאי שבת, איז אזוי ווי ס'איז נאר געווארן נאכט, איז ער שוין ארויף - דער ר' נתן לייבעלע ראובן'ס מיט די חברה קדישא, און ער האט אויסגעגראבן א קבר באלד אזוי ווי מען קומט אן, אין עק (בקצה הבית החיים סמוך לכניסה).

האט ער געזאגט - ר' אהרן דער רב: "איך וועל אים נישט מוחל זיין נישט בעלמא הדין, נישט בעלמא דאתי! ער האט מיר צוגענומען מיין אמת'ען חבר!".

ער איז געווען א שארפער - ר' נתן לייבעלע ראובן'ס, וויבאלד ס'איז א דיבור פון רבי נתן'ען - אז ס'וועט זיין א טובה דעם נפטר אז מען וועט אים דורכפירן - איז נישט שייכות צו רעדן! האט ער באלד געזעהן אז ער זאל ליגן פארנט, וועט מען יעדן נפטר מוזן אדורכפירן דורך ר' נתן'ען!".

אונזער רבי נתן!

(השואל: וויפיל יאר האט געדויערט ביז די הסתלקות פון ר' אהרן דער רב?) **אין איין יאר! ער איז געווען עלטער פון ר' נתן'ען 'פיר יאר', ר' נתן איז נפטר געווארן עשרה בטבת, און "ר' אהרן דער רב" - ראש חודש אב!**

❖

# איך האב נאך עלף חדשים...

דער רבי האט אים געזאגט: "דיין חודש איז 'אב'!", דער סימן איז (אמרו אנ"ש) "באחד באב מת אהרן".[כא]

"ר' אהרן דער רב" איז געווען אמאל שלאָף אין חודש אב, אז ס'איז אריבערגעגאנגען דער חודש אב האט ער געזאגט: "איר האט מיך נאך אויף 'עלף חדשים', ווייל מיין חודש איז 'אב' - האט דער רבי געזאגט!".[כב]

און ווען ס'איז געקומען אלע יאר 'ראש חודש אלול' האט ער געפראוועט א סעודה ביי די משפחה (ואמר:) "איר האט מיך נאך אויף עלף חדשים!".

ער האט געגלויבט אינעם רבי'ן! אז דער רבי האט געזאגט אז "מיין חודש איז אב", האט ער געוואוסט אז דער גאנצער יאר איז זיכער! און אז ס'איז געווען חודש אלול - איז שוין געענדיגט דער חודש אב - האט ער געמאכט א סעודה פאר די משפחה, "איר האט מיך נאך אויף עלף חדשים!", אמונה אינעם רבי'ן!

---

[כא] היינו אהרן הכהן, והוא מלשון המגילת תענית עי' שו"ע או"ח סי' תק"פ ס"ב.

[כב] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל"א.

❖

# קלייבט זיך אויך אויס דעם גוטן חלק...

איך בין געווען אין ברסלב דארטן, האב איך געהערט דארטן פון די זקנים, אז בשעת ער איז נפטר געווארן "ר' אהרן דער רב", ביי די פטירה, האט ער אוועקגעשטעלט דארטן - ער האט געהייסן די בעט זאל שטיין אינמיטן שטוב, נישט ביי א וואנט, ס'זאל קענען שטיין ארום און ארום אלע אייניקלעך, אלע קינדער ארום און ארום.

אז ס'שטייט ביי די וואנט - קען מען נאר שטיין אין איין זייט, אז די בעט איז אינמיטן שטוב - קען מען שטיין ארום און ארום.

האט ער געהייסן אוועשטעלן די בעט אינמיטן שטוב, און ארום און ארום איז געשטאנען אלע קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך, אלע זענען געשטאנען ארום און ארום, און ער האט אזוי געזאגט -

- ער איז געווען א געוואלדיגער גאון "ר' אהרן דער רב", און ער איז געווען א געוואלדיגער חכם, די חכמה זיינע איז געווען געוואלדיג גרויס, חוץ וואס אין צדקות איז ער געווען א געוואלדיגער מענטש, אין חכמה אויך געווען גרויס -

**האט ער אזוי געזאגט: "די וועלט זאגט אויף מיר אז איך קען לערנען, און מען האלט מיך פאר א קלוגן, נו, אז איך קען לערנען און איך בין א קלוגער האב איך זיך אויסגעקליבן א 'גוטן חלק'! קינדער, זאג איך אייך, מיין חלק איז 'דער רבי', דעם חלק האב איך זיך אויסגעקליבן! און 'איר' זאלט זיך אויך אויסקלייבן דעם חלק!".**

נו, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך אויך האלטן ביי דעם חלק לאריכות ימים ושנים!

❖ ❖ ❖

# לא הסתכל חוץ מד' אמות

(השואל: 'רַב' האט קיינמאל נישט געקוקט מער פון ד' אמות?) **אין די גמרא:**[כג] (אמר ליה - רב לרב שימי:) **"שימי את?", 'שימי' איז געווען רב חייא'ס א זוהן, רַב'ס אן אייניקל, זאגט רש"י: פארוואס האט רב געזאגט 'שימי את?', ווייל ער האט נישט געקוקט ווייטער פון פיר איילן, האט ער אים נישט דערקענט!**

**און 'רבי נתן' האט געהאט אין זיך די זאך!** (השואל: נאך איידער ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן?) **יא! ער האט נישט געקוקט ווייטער פון פיר איילן!**

❖

# רפואות שבספר המדות

(השואל: איר האט געהערט פון דעם - אז רבי נתן פלעגט זיך נישט באנוצן אפילו מיט די סגולות פון ספר המידות?) **נאר וועגן רפואות! די סגולות פון רפואות האט ער נישט גענוצט!**

(השואל: אבער וועגן זאגן 'הן אראלם צעקו חוצה' וכו'?)[כד] **ווער זאגט?! ניין, נאר די סגולות פון רפואות האט ער נישט גענוצט!**

❖

(השואל: מ'זאגט אז אין די פרייע ביכער שטייט אז 'הירש בער' איז געווען דער זוהן פון 'חייקל', נישט דער איידעם)[כה] **ער איז געווען אן איידעם, אן איידעם!** (השואל: בײדע זענען געווען איידעמ'ס? 'דאקטער לאנדא' איז געווען אן איידעם און הירש בער איז געווען אן איידעם?) **יא!**

❖

(השואל: וויפיל קינדער האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געהאט?) **דאכט זיך מיר דריי קינדער!** (השואל: דאהי אין ארץ ישראל?) **יא,** (השואל: א כלה מיידל האט ער געהאט ווייסט מען -) **און צוויי קלענערע.**

---

[כג] מנחות דף ק"י ע"א.

[כד] עי' שם ערך ראיה אות ט'.

[כה] עי' כוכבי אור סיפורים נפלאים, מענין המשכילים מאומאן.

(השואל: ווייל איך האב געהערט אז ס'איז דא וואס זאגן אז אין אומאן האט ער אויך געהאט א זוהן, פון די ערשטע ווייב, און ער איז אוועק), **ניין ניין, אין אומאן האט ער נישט געהאט! זי האט דאך זיך גע'גט, ר' אברהם האט געוואלט זי זאל פארן מיט אים קיין ארץ ישראל, האט ער צוגעזאגט "דארטן וועסטו האבן קינדער!", אבער זי האט נישט געוואלט!**

(השואל: זי איז געווען וועלכער זיווג - די לעצטע?) **ר' נפתלי'ס** (כהן) **טאכטער, דא אין ארץ ישראל? דער דריטער זיווג!**

❖

(השואל: וועלכער יאר איז ר' נחמן טולטשינער געבוירן געווארן?) **תקע"ד!** (השואל: און ער איז אוועק תרמ"ד, דאס הייסט ממש זיבעציג יאר), **יא, זיבעציג יאר!**

**עס שטייט אין די מכתבים דארטן**[כו] **אין די צדיק'ן** (בשנות התק"צ) **'רבי נחמן', 'רבי נחמן'! ער איז דעמאלט אלט געווען צוואנציג יאר, ניינצן יאר!**

❖

# "איך וויל זיין א נרדף"

(השואל: וואס האט דער רבי געזאגט: "אז ער שטעלט זיך אוועק אינגאנצן, נעם איך אים אוועק"?) **"אז ער** (החולק) **לאזט מיר איבער א 'שמאלע שטעשקעלע', מוטשע איך זיך און לאז אים איבער, אבער אז ער פארלייגט אינגאנצן דעם וועג, דעמאלט נעם איך אים צו!".**[כז]

(השואל: ר' נתן האט געזאגט אויף ר' שלמה ראובן זלאטע'ס, אז ער וועט אים נישט מוחל זיין וכו', וואס איז טאקע דער טעם, ער האט געהאט א חלק אין די מחלוקת?) **א בעל מחלוקת איז עפעס אנדערש!** (השואל: איך מיין אז איר האט פארציילט אז ער פלעגט דאווענען עטליכע שעה'ן?!) **א**

---

[כו] עי' עלים לתרופה מכתב קפ"ד: וְנִפְלֵאתִי עָלֶיךָ בְּנִי חֲבִיבִי שֶׁלֹּא הוֹדַעְתַּנִי דָּבָר מִידִידֵנוּ רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, נָא מְאֹד לְהוֹדִיעֵנִי מִשְּׁלוֹמוֹ עַל יְדֵי מֻקְדָּם. ושם מכתב ר"א, רי"ג, רט"ו, ועוד.

[כז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ר"ח בפירוש הפסוק "צופה רשע לצדיק וכו' ה' לא יעזבנו בידו".

**געוואלדיגער דאווענער געווען, ער איז געווען א געוואלדיגע עובד, א גרויסע עובד געווען, אבער מחלוקת...** (על ידו נגרם חלק מהמחלוקת על מוהרנ"ת ואנשיו).[כח]

(השואל: אין די גאנצע מחלוקת איז ר' נתן גארנישט געווען שולדיג למעשה), **ר' נתן איז קיינמאל נישט געווען שולדיג, ר' נתן איז תמיד געווען א 'נרדף', ר' נתן איז קיינמאל נישט געווען קיין 'רודף', ער איז אלע יארן געווען א נרדף, א רודף איז ער קיינמאל נישט געווען! ער האט געהאט די כוחות צו זיין א רודף אויך,[כט] 'נאר א נרדף'!**

**ביז איצטער קריגן זיי אויף ר' נתן'ען! און ער איז נאך מקרב אידן צום אויבערשטן מיט זיינע ליקוטי הלכות, מיט זיינע תפילות, מיט זיינע מכתבים, איז ער אלץ מקרב אידן צום אויבערשטן! נו, אויף אזא אידן דארף מען נאך קריגן?!**

(השואל: ר' אלי' חיים זאגט אז די מתנגדים פלעגן זאגן 'אם לא נתן לא עכב' - ווען נישט ר' נתן וואלטן זיי נישט מעכב געווען, אלץ צוליב ר' נתן'ען!)

❖

---

[כח] עי' ספר המדות ערך לשון הרע אות י"ד ט"ו. ועי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ד' אות ל"ט: ... וְזֶהוּ שָׁוְא יְדַבְּרוּ אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ שְׂפַת חֲלָקוֹת וְכוּ', שֶׁהֵם בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה גָּמַר חָסִיד וּפַסּוּ אֱמוּנִים וְכוּ', כִּי אֵין יוֹדְעִין הֵיכָן הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְכַנַּ"ל, וְעַל זֶה סִיֵּם דָּוִד בְּעַצְמוֹ וְאוֹמֵר שֶׁה' יִתְבָּרַךְ יִשְׁמַע תְּפִלָּתוֹ, וְיַכְרֵת כָּל הַבַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע מְחַרְחֲרֵי רִיב הָרוֹצִים לְהַסְתִּיר אֶת הַצַּדִּיק... וכעי"ז בהל' סימני בהמה וחיה טהורה אות י"ג: ...וְלֹא דַּי שֶׁגָּמַר חָסִיד כַּנַּ"ל, אַף גַּם נִתְרַבּוּ בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע, בְּחִינַת שָׁוְא יְדַבְּרוּ אִישׁ וְכוּ', שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נִתְרַבֶּה מַחֲלֹקֶת וְשִׂנְאָה וְקִנְטוּר בָּעוֹלָם ... וְעַל זֶה מִתְפַּלֵּל דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, וּמִתְנַבֵּא שֶׁסּוֹף כָּל סוֹף יִגְמֹר ה' יִתְבָּרַךְ כִּרְצוֹנוֹ וְיַכְרֵת ה' כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת וְכוּ' מִשֹּׁד עֲנִיִּים וְכוּ' עַתָּה אָקוּם יֹאמַר ה'; שֶׁה' יִתְבָּרַךְ יָקוּם וְיוֹשִׁיעַ בְּוַדַּאי לְהָעֲנִיִּים וְהָאֶבְיוֹנִים הַחוֹסִים בְּצֵל הַצַּדִּיקִים, וּבַעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע וּמַחֲלֹקֶת יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ...

[כט] העתק מטעם זקנים קונטרס ל' - פרשת וארא תשל"ד: רבי נתן האט געשוויגן - מען האט אים אזוי פיל מבזה געווען, מען האט אים אזוי פיל גע'רודפ'ט, מען האט אים געוואלט הרג'ענען, האט רבי נתן געזאגט אלע יארן: "**איך וויל נישט זיין קיין רודף, איך וויל זיין א נרדף!**" ס'איז געווען ציטן וואס ער האט געקענט זיין א 'רודף' אויך! די 'מחקרים' (- המשכילים באומאן שמוהרנ"ת היה מדבר עמם עפ"י ציווי רביז"ל, כמבואר במקו"א), האבן געזאגט צו אים: "**אויב איר ווילט, קענען מיר זעהן אז די אלע רודפים זאל ווערן פון זיי גארנישט! ביז פיר און צוואנציג שעה זאלן זיי זיך נישט געפינען אין גאנצן לאנד - אין רוסלאנד!**", (אמר להם מוהרנ"ת): "ניין, איך וויל נישט זיין קיין רודף!", ער האט זיי א זאג געגעבן מיט דעם לשון: "**איך פארגין זיי נישט אז זיי זאלן זיין נרדפים!**" "**'איך' וויל זיין א נרדף, נישט 'זיי' זאלן זיין נרדפים!**" קומט אוים - דאס איז גאר א יסוד פונעם רבי'נס זאך - אז איך זאל זיין א 'נרדף', נישט קיין 'רודף'! א נרדף מוז שווייגן, א נרדף מוז שווייגן!

# א קארפינער אתרוג אום חנוכה...

(השואל: ר' נתן האט געזאגט, ס'איז אזוי ווי א אתרוג אין חנוכה?) **יא, ער איז געווען אין גאליציע דארט, האט א רב געדאוונט, זייער שיין געדאווענט, פיין, נאר ס'איז געווען שפעט!** (אמר מוהרנ"ת:) **ס'איז א קארפינער אתרוג - קארפינער איז געווען די שענסטע אתרוגים - ס'איז אבער אום חנוכה!**

**אום 'סוכות' ווי אזוי ער איז - בדיעבד מאכט מען א ברכה און מען איז מקיים די מצוות עשה! 'חנוכה' - דער שענסטער אתרוג, קען מען קיין ברכה נישט מאכן!**

**א מכתב איז דא, שרייבט ר' נתן, מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן מען זאל דאווענען גאנץ פרי, בפרט כותיקין![ל]**

**אין צוואת הריב"ש שטייט,[לא] אז דער בעל שם הקדוש האט געזאגט, אז ס'איז א חילוק פון 'פאר ותיקין' ביז 'נאך ותיקין' "כרחוק מזרח ממערב!".**

**ס'איז א אנדערע חשיבות די תפילה וואס מען דאווענט כותיקין! נו, דער אויבערשטער זאל העלפן.**

❖

# שינויי נוסחאות

(השואל: 'הזן ברחמיו את הכל' איז פון רבי'ן אדער פון בעל שם?) **אין אוקריינע זאגט מען אזוי!**

(השואל: אלע אונזערע לייט האבן עס אנגענומען?) **יא, אנדערע אויך!**

(השואל: אבער 'מלך יחיד חי העולמים' דאס איז פון רבי'ן?) **דער רבי האט אזוי געזאגט: "איך מיש זיך נישט אין קיין נוסח, נאר דא זאג איך יא, ווייל דער אנהויב**

---

[ל] עלים לתרופה מכתב כ"ד: וְאַתָּה יָדַעְתָּ עֹצֶם תְּשׁוּקָתֵנוּ לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם כַּאֲשֶׁר הִזְהִירָנוּ הוּא זַ"ל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן לא), נָא בְּנִי שֶׁתַּרְגִּיל עַצְמְךָ בָּזֶה, מִי יִתֵּן שֶׁתִּזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם תְּפִלַּת הַוָּתִיקִין אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ, כִּי כְּשֶׁמִּתְפַּלְּלִין בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם, יֵשׁ פְּנַאי וְחֵרוּת כָּל הַיּוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ עַל כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁזָּכִינוּ לְקַבֵּל מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה, כִּי גַּם הַנְהָגָה הַזֹּאת הַנַּ"ל הוּא יְסוֹד גָּדוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[לא] פרק ב' וז"ל: שיהיה רוב התפילה עד קרוב לקריאת שמע קודם הנץ, והחילוק בין קודם הנץ לאחר הנץ כרחוק מזרח ממערב (כי אז עדיין יכולין לבטל כל הדינים) וכו'.

הויבט זיך אן 'יחיד חי העולמים' ביי ברוך שאמר, זאל מען ענדיגן אויך 'יחיד חי העולמים'!", אזוי האט דער רבי געזאגט.

(השואל: און וואס איז מיט די אלע שינויים פון זמירות, דארטן ביי 'כי אשמרה שבת': "השמחים בו שמחה משיגים"?) יא יא, ר' אברהם ר' נחמן'ס, ער האט געמאכט דעם שינוי!

ער האט געזאגט: "א זמר מאכט מען נישט קיין עונש!", א זמר שרייבט מען דעם שבח פון 'קיום', נישט קיין עונש!

אין א זמר שרייבט מען דעם שבח פון שבת: "השמחים בו שמחה משיגים"! און ער (הפייטן) שרייבט דארט: "המתאבלים בו אחור נסוגים", און דא שרייבט ער: "מחל מלאכה בו סופו להכרית", האט ער געזאגט (ראבר"נ): "המבטל בו סופו לשארית"! 'ביטול מלאכה', המבטל ממלאכה סופו לשארית, שבת איז ביטול מלאכה!

קוק אריין אין אלע זמירות שטייט נישט קיין עונש, עס שטייט נאר שבח, "שכרו הרבה מאד על פי פעלו" וכו' וכו', אזוי גאנץ מנוחה ושמחה!

❖

## "ברוך אשר נתן מנוחה"

(השואל: מען זאגט אז "ר' נחמן אלשיך" - ר' נתן'ס אייניקל, פון טולטשין, פלעגט זינגען א גאנצע וואך 'כל מקדש שביעי' אויפן רבי'ן), איך וויים נישט! (השואל: מען האט אים אויך גערופן "ר' נחמן טולטשינער"?) "דער אלטער ר' נחמן" האט מען אים גערופן!

(השואל: ר' נחמן טולטשינער האט געזאגט 'אשר נתן מנוחה'?) יא יא, מען מאכט א ברכה אויפן רבי'ן - 'ברוך השם אשר נתן מנוחה'! (רלוי"צ מזמר את הקטע:) אשר נתן מנוחה, נתן מנוחה, מנוחה! דער נוסח גייט דאך אזוי.

❖

(השואל: 'שבת חול המועד ביינאכט' זאגט מען נאר 'שלום עליכם' מיט 'אשת חיל'?) נישט שלום עליכם, נאר 'אזמר בשבחין' און 'אשת חיל', און אינדערפרי 'אסדר לסעודתא', און שלש סעודות אלע זמירות!

(השואל: און מוצאי שבת חול המועד זאגט מען נישט קיין זמירות?) **מען זאגט עפעס א שינוי אין דעם המבדיל, אין די סידורים איז שוין געדרוקט עפעס א שינוי אין דעם המבדיל, נישט בין קודש לחול, עפעס א שינוי!**

(השואל: אבער מען זאגט אלע זמירות מוצאי שבת?) **יא!**

**נו, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל הערן בשורות טובות, דער אויבערשטער זאל העלפן.**

❖

(חסר קצת, מדבר מצאצאיו של ר' נחמן טולטשינער) **די ערשטע טאכטער איז געווען פון זיווג ראשון, ער האט זיך משדך געווען מיט ר' יצחק בער'ן, ר' נחמן'ס א טאכטער איז געווען א שנור ביי ר' יצחק בער.**[לב]

**דער זיווג ראשון** (של ר' נחמן טולטשינער) **האט נישט געהאט קיין אריכות ימים, ווען ער האט גענומען דעם זיווג שני** (מרת אסתר שיינדל) **האט ער געהאט ר' אברהם'ען, מיט נאך.**

**פון זיווג שני האט ער געהאט די טאכטער 'מלכה', זי איז געווען ר' אלטר טעפליקער'ס ווייב,**[לג] **און ער האט געהאט נאך א טאכטער אין אומאן - ר' נחמן טולטשינער - 'רחל'** (אשת ר' יחיאל ווייסלייב)**, און ער האט געהאט נאך א טאכטער** (אשת ר' גדליה וועלוול ב"ר מנשה).

(השואל: צוויי זיהן האט ער געהאט: ר' אברהם, מיט ר' ישראל בול?) **ער האט געהאט נאך א זוהן** (בנו חורגו)**, ער האט געהייסן 'וועלוול', ר' אברהם'ס א ברודער, יא!** (השואל: איר האט אים געקענט?) **אוודאי האב איך אים געקענט, אין טשעהרין, ער איז נישט געווען ר' נחמן'ס זוהן, ער איז געווען ר' אברהם'ס א ברודער פון איין מאמע! ווען ר' נחמן האט איר גענומען האט זי געהאט דעם זון!** (השואל: אסתר שיינדל?) **יא אסתר שיינדל** (זוגתו השניה של ר' נחמן)**, ער האט אויסגעקוקט פונקט אזוי ווי ר' אברהם ר' נחמן'ס, אין טשערין האט ער געוואוינט.**

---

[לב] ר' יצחק בער מטעפליק-טירהאוויצע, אחיו של ר' יקותיאל, מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל. ובנו ר' יודל נשא את מרת חיה ביילא בתו של ר' נחמן טולטשינער ז"ל.

[לג] בזיווגה השני, ומקודם היה אשת ר' נתן בייטלמאכער ז"ל.

**אבער טעכטער האט ער** (ר' נחמן) **געהאט דריי טעכטער פון זיווג שני, און צוויי זוהן,** (השואל: און פון די ערשטע זיווג?) **איין טאכטער,** (כלתו של ר' יצחק בער, כנ"ל). (השואל: וואו האט זי געוואוינט?) **אין באברייניץ,** (השואל: הייסט עס, פיר טעכטער האט ער געהאט?) **יא, פיר טעכטער מיט צוויי זוהן!**

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יואל גאלדשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **צבי יוסף פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **ליפא לעווי** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **זלמן לייב ראזענבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יואל יצחק פישער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **שמואל שמעלקא גראס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה